בעזרת השם יתברך

גליון

# סיפורי מעשיות

פארן שבת טיש

## פרשת דברים - חזון

ד' אב ה'תשפ"ג

שנה 4, גליון 20, (107)

ארויסגעגעבן דורך מוסדות היכל הקודש ברסלב

**שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת מִקֵּץ, שַׁבָּת חֲנוּכָּה, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן, אִיז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעוֶוען אִין קִרְיַת בְּרֶסְלֶב - לִיבֶּערְטִי יע"א. אִינְדֶערְפְרִי נָאכְ'ן דַאוֶונֶען בַּיים 'קִידוּשָׁא רַבָּא' הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מַמְשִׁיךְ גֶעוֶוען דֶעם שִׁיעוּר אִין סֵפֶר הַקָּדוֹשׁ 'סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת', מַעֲשֶׂה יג, דִי מַעֲשֶׂה פוּן דִי זִיבְּן בֶּעטְלֶערְס.**

### אִין קוּרְצְן פוּן פְרִיעֶר

דֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט, עֶס אִיז אַמָאל גֶעוֶוען אַז מֶען הָאט גֶעדַארְפְט אַנְטְלוֹיפְן פוּן אַ מְדִינָה, בִּשְׁעַת מֶען אִיז אַנְטְלָאפְן זֶענֶען פַארְלוֹירְן גֶעוָוארְן אִין וַואלְד צְוֵויי קְלֵיינֶע קִינְדֶער, אַ אִינְגְל אוּן אַ מֵיידְל פוּן פִיר פִינְף יָאר. דִי קִינְדֶער הָאבְּן נִישְׁט גֶעהַאט קַיין עֶסְן, הָאבְּן זֵיי גֶעשְׁרִיגְן אוּן גֶעוֵויינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט רַחְמָנוּת גֶעהַאט אוּן זֵיי גֶעשִׁיקְט אַ בְּלִינְדֶער בֶּעטְלֶער. דֶער בֶּעטְלֶער הָאט זֵיי גֶעגֶעבְּן בְּרוֹיט, וֶוען זֵיי הָאבְּן גֶעוָואלְט מִיטְגֵיין מִיטְ'ן בֶּעטְלֶער, הָאט דֶער בֶּעטְלֶער זֵיי גֶעזָאגְט מֶען קֶען נִישְׁט מִיטְקוּמֶען, אוּן עֶר הָאט זֵיי גֶעוואוּנְטְשְׁן זֵיי זָאלְן אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין אַזוֹי אַלְט וִוי אִים. דִי קִינְדֶער זֶענֶען גֶעוָוארְן זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ, זֵיי הָאבְּן גֶעזֶען וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט רַחְמָנוּת אוֹיף זֵיי אוּן צוּגֶעהֶערְט זֵייעֶר גֶעוֵויין.

נָאכְדֶעם וֶוען דִי בְּרוֹיט הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעלָאזְט הָאבְּן זֵיי ווִידֶער גֶעוֵויינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער נָאכְאַמָאל גֶעשִׁיקְט אַ בֶּעטְלֶער. אַזוֹי הָאט זִיךְ דִי מַעֲשֶׂה אִיבֶּער גֶע'חַזֶר'ט זִיבְּן מָאל, מִיט זִיבְּן בֶּעטְלֶערְס; אַ בְּלִינְדֶער בֶּעטְלֶער, אַ טוֹיבֶּער בֶּעטְלֶער, אֵיינֶער וָואס שְׁטָאמְפְּלְט זַיינֶע רֵייד, מִיט אַ קְרוּמֶע הַאלְז, מִיט אַ הוֹיקֶער, אָן הֶענְט אוּן אָן פִיס. שְׁפֶּעטֶער זֶענֶען זֵיי אַרוֹיס פוּן וַואלְד, וֶוען זֵיי זֶענֶען גְרוֹיס גֶעוָוארְן הָאט מֶען זֵיי מְשַׁדֵּךְ גֶעוֶוען אוּן זֵיי הָאבְּן חֲתוּנָה גֶעהַאט.

בַּיים 'עֶרְשְׁטְן טָאג' פוּן דִי שֶׁבַע בְּרָכוֹת הָאבְּן זִיךְ דִי חָתָן כַּלָּה אָנְגֶעהוֹיבְּן בֶּענְקֶען צוּ דֶעם בְּלִינְדְן בֶּעטְלֶער, וִוי זֵיי הָאבְּן גֶעבֶּענְקְט צוּ אִים רוּפְט עֶר זִיךְ אָן: אִיךְ בִּין דָא, אִיךְ בִּין גֶעקוּמֶען צוּ אַייךְ אוֹיף דֶער חֲתוּנָה, אוּן אִיךְ שֶׁענְק אַייךְ דְרָשָׁה גֶעשַׁאנְק אַז אִיר זָאלְט זַיין אַזוֹי אַלְט וִוי אִיךְ, אִיר מֵיינְט אַז אִיךְ בִּין בְּלִינְד, אִיךְ בִּין גָארְנִישְׁט בְּלִינְד, נָאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז נִישְׁט וֶוערְד אִיךְ זָאל קוּקְן אוֹיף אִיר.

דֶערְצֵיילְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי וַוייטֶער וָואס אִיז גֶעוֶוען דֶעם 'צְוֵייטְן טָאג' פוּן דִי שֶׁבַע בְּרָכוֹת:

> אִין דֶעם אַנֶדערִן טָאג פוּן שִׁבְעַת יְמֵי הַמִּשְׁתֶּה. הָאבִּין זִיךְ דִי חָתָן כַּלָּה ווִידֶער דֶערְמַאנְט. אִין דֶעם אַנֶדערִין בֶּעטְלֶער. וָואס עֶר אִיז גִיוֶוען אַ טוֹיבֶּער וָואס עֶר הָאט זֵיי מְחַיֶּה גִיוֶוען. אוּן הָאט זֵיי גִיגֶעבִּין בְּרוֹיט. אוּן זֵיי הָאבִּין גֵוויינְט אוּן גִיבֶּענְקְט. ווִי נֶעמְט מֶען דָא אַהֶער דֶעם טוֹיבִּין בֶּעטְלֶער וָואס עֶר הָאט אוּנְז מְחַיֶּה גִיוֶוען.

### נִישְׁט פַארְגֶעסְן דֶעם גֶעפִיל צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן

דִי חָתָן כַּלָּה הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ בֶּענְקֶען: "ווִי נֶעמְט מֶען דָא אַהֶער דֶעם טוֹיבְּן בֶּעטְלֶער, וָואס הָאט אוּנְז מְחַיֶּה גֶעוֶוען וֶוען מִיר זֶענֶען גֶעוֶוען פַארְלוֹירְן אִין וַואלְד". דָאס אִיז אַ מוֹרָא'דִיגֶע זַאךְ; וַוייל יֶעצְט זֶענֶען זֵיי שׁוֹין אַרוֹיס פוּן זֵייעֶר עֶנְגְשַׁאפְט, זֵיי הָאבְּן שׁוֹין חֲתוּנָה גֶעהַאט, מִיט דֶעם אַלֶעם בֶּענְקֶען זֵיי נָאכְאַלְץ צוּם צַדִּיק, דֶער טוֹיבֶּער בֶּעטְלֶער. גֶעוֶוענְלִיךְ וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז אִין אַ צָרָה, עֶס אִיז אִים עֶנְג, שְׁפִּירְט עֶר דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶעמָאלְט טוּט עֶר תְּשׁוּבָה, עֶר דַאוֶוענְט אוּן וֵויינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶּער וֶוען עֶס וֶוערְט אִים בְּרֵייט, עֶר גֵייט אַרוֹיס פוּן זַיין צָרָה, פַארְגֶעסְט עֶר זַיין גֶעפִיל וָואס עֶר הָאט גֶעשְׁפִּירְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶּער דִי חָתָן כַּלָּה הָאבְּן גֶעהַאט אַ בַּאזוּנְדֶערֶע זְכִיָּה אַז אַפִילוּ זֵיי הָאבְּן שׁוֹין חֲתוּנָה גֶעהַאט - בֶּענְקֶען זֵיי נָאכְאַלְץ, זֵיי ווִילְן נָאכְאַלְץ זוֹכֶה זַיין צוּ שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי ווִי זֵיי הָאבְּן גֶעשְׁפִּירְט בְּעֵת צָרָה.

מוֹהֲרָא"ש פְלֶעגְט זָאגְן: "אִין אַלֶע יְשִׁיבוֹת זֶעט מֶען ווִי בָּחוּרִים כַאפְּן זִיךְ צוּ צוּם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, זֵיי הָאבְּן אַ שְׁטַארְקֶע גֶעפִיל אִין רֶבִּי'ן, וַוייל אַ בָּחוּר דַארְף חִיזּוּק, עֶר אִיז אֵיינֶער אַלֵיינְס, עֶר ווִיל חֲתוּנָה הָאבְּן, עֶר ווִיל זַיין עֶרְלִיךְ, עֶר ווִיל זַיין אָפְּגֶעהִיטְן אוּן הַאלְט אִין אֵיין אַרָאפּ פַאלְן, אוּן עֶר אִיז נָאכְנִישְׁט מְיוֹאָשׁ, עֶר ווִיל נָאךְ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, רֶעדְט צוּ אִים דִי חִיזּוּק פוּן רֶבִּי'ן". הָאט מוֹהֲרָא"שׁ אוֹיךְ גֶעזָאגְט: מֶען קֶען נִישְׁט הָאבְּן קַיין גֶעפִיל אִין סֵפֶר 'אֲשֶׁר בַּנַּחַל' נָאר אַ לֵב נִשְׁבָּר, אֵיינֶער וָואס הָאט אַ צֶעבְּרָאכְן הַארְץ, אַזוֹי ווִי מֶען זֶעט, ווער נֶעמְט אַ תְּהִלִּים? ווער הָאט אַ גֶעפִיל אִין תְּהִלִּים? נָאר אֵיינֶער וָואס הָאט אַ צֶעבְּרָאכְן הַארְץ, עֶר דַארְף אַ יְשׁוּעָה, קוּמְט עֶר אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ אוּן נֶעמְט אַ תְּהִלִּים, אֵיינֶער וָואס הָאט גֶעלְט אוּן אַלֶעס גֵייט אִים גוּט אַזוֹי ווִי עֶר ווִיל, דַארְף שׁוֹין הָאבְּן אַ זְכִיָּה צוּ גֶעדֶענְקֶען פוּנֶעם תְּהִלִּים, עֶר דַארְף הָאבְּן אַ זְכִיָּה צוּ לֶעבְּן מִיטְ'ן תְּהִלִּים אוּן לֶעבְּן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

> דֶערְוַוייל. ווִי זֵיי הָאבִּין אַזוֹי גִיבֶּענְקְט נָאךְ אִים. דֶערְוַוייל קוּמְט עֶר אַרַיין. אוּן זָאגְט אִיךְ בִּין דָא.

### וֶועלְן אוּן בֶּענְקֶען צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד

דֶער רֶבִּי אִיז דָא מְרַמֵּז דִי מַעֲלָה פוּן וֶועלְן אוּן בֶּענְקֶען צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אַזוֹי ווִי מֶען זֶעט דָא וֶוען דִי חָתָן כַּלָּה הָאבְּן גֶעבֶּענְקְט צוּם טוֹיבֶּער בֶּעטְלֶער, קוּמְט עֶר אַרַיין אוּן זָאגְט: "אִיךְ בִּין דָא"; אַז מֶען בֶּענְקְט אוּן הָאפְט צוּ זַיין עֶרְלִיךְ - דָאס אַלֵיינְס בְּרֶענְגְט אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל נָאנְט וֶוערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

רֶבִּי נָתָן דֶערְצֵיילְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רס): **"פַּעַם אַחַת דִּבֵּר עִמִּי וְהִפְלִיג בְּמַעֲלַת הַהִשְׁתּוֹקְקוּת וְהַכִּסּוּפִין וְהַגַּעְגּוּעִים לִדְבָרִים שֶׁבִּקְדֻשָּׁה"**, דֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶערֶעדְט מִיט אוּנְז פוּן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן בֶּענְקֶען אוּן וֶועלְן טוּן גוּטֶע זַאכְן, **"אַף עַל פִּי שֶׁאֵינוֹ זוֹכֶה לַעֲשׂוֹתָם"**, אַפִילוּ מֶען אִיז נִישְׁט זוֹכֶה צוּ טוּן - **"אַף עַל פִּי כֵן הַהִשְׁתּוֹקְקוּת וְהַגַּעְגּוּעִים בְּעַצְמָן טוֹבִים מְאֹד"**, זָאל מֶען בֶּענְקֶען אוּן וֶועלְן טוּן דִי זַאכְן, ... **"שֶׁהַהִשְׁתּוֹקְקוּת וְהַגַּעְגּוּעִים שֶׁמִּצְטַעֲרִים לַעֲשׂוֹת הַמִּצְוָה"**, וַוייל וֶועלְן אוּן הָאפְן צוּ טוּן אַ מִצְוָה, **"אַף עַל פִּי שֶׁאֵינָם יְכוֹלִים לִגְמֹר"**, אַפִילוּ מֶען קֶען דָאס נִישְׁט טוּן - **"הֵם גַּם כֵּן יְקָרִים מְאֹד וּמְקַבְּלִים שָׂכָר עֲלֵיהֶם"**, אִיז אוֹיךְ זֵייעֶר חָשׁוּב אוּן טֵייעֶר בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אַפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז נֶעבֶּעךְ וַוייט פוּן קְדוּשָׁה, עֶר לִיגְט אִין עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלַן, זָאל עֶר אָבֶּער בֶּענְקֶען 'אִיךְ ווִיל זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד'.

דִי מַעֲלָה פוּן בֶּענְקֶען אִיז, אַז עֶס אִיז נִישְׁט מְצֻמְצָם אִין אַ פְּלַאץ אָדֶער אִין אַ צַייט, דָאס אִיז אַ זַאךְ וָואס יֶעדֶער קֶען שְׁטֶענְדִיג טוּן, אַפִילוּ דוּ בִּיסְט פַארְפְּלָאגְט אַ גַאנְצְן טָאג, עֶס בְּלַייבְּט דִיר נִישְׁט אִיבֶּער קַיין צַייט צוּ לֶערְנֶען, אָדֶער דוּ קוּמְסְט נִישְׁט אָן צוּ דַאוֶונֶען אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ, - אָבֶּער 'וֶועלְן' לֶערְנֶען, 'וֶועלְן' דַאוֶונֶען

דָאס קֶענְסְטוּ, זָאג פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ וִויל זַיין גוּט, אִיךְ לָאז נִישְׁט מַיין ווִילְן, אִיךְ ווִיל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אִיךְ ווִיל הָאבְּן הֵיילִיגֶע אוֹיגְן אוּן הֵיילִיגֶע אוֹיעֶרְן".

אוּן אִיז אוֹיף זֵיי אַרוּם גִיפַאלְן אוּן הָאט זֵיי גִיקוּשְׁט. אוּן עֶר הָאט צוּ זֵיי גִיזָאגְט. הַיינְט שֶׁענְק אִיךְ אַייךְ בְּמַתָּנָה. אַז אִיר זָאלְט זַיין אַזוֹי ווִי אִיךְ אַז אִיר זָאלְט לֶעבְּן. אַזוֹי אַ חַיִים טוֹבִים (כְּלוֹמַר אַ גוּט לֶעבְּן) אַזוֹי ווִי אִיךְ. וָוארִין פְרִיר הָאבּ אִיךְ אַייךְ גִיבֶּענְטְשְׁט דֶערְמִיט. הַיינְט שֶׁענְק אִיךְ אַייךְ מַיין חַיִים טוֹבִים בְּמַתָּנָה גְמוּרָה דְרָשָׁה גִישַׁאנְק. אִיר מֵיינְט אַז אִיךְ בִּין טוֹיבּ. אִיךְ בִּין גָאר נִיט טוֹיבּ. נָאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט. טְרֶעפְט בַּיי מִיר גָאר נִיט אָן אַז אִיךְ זָאל הֶערִין זֵייעֶר חִסָרוֹן. וָוארִין גָאר אַלֶע קוֹלוֹת פוּן דֶער וֶועלְט. זֶענֶען אַלֶע נָאר פוּן חִסְרוֹנוֹת. וָוארִין אִיטְלִיכֶער שְׁרַייט אוֹיף זַיין חִסָרוֹן. דְהַיְינוּ אוֹיף דֶעם וָואס סֶע גֵייט אִים אָפּ.

דֶער טוֹיבֶּער בֶּעטְלֶער אִיז בֶּאֱמֶת נִישְׁט גֶעוֶוען טוֹיבּ, נָאר עֶס אִיז אִים נִישְׁט וֶוערְד גֶעוֶוען צוּ הֶערְן אַלֶע קוֹלוֹת פוּן דִי וֶועלְט, וִוי יֶעדֶער רֶעדְט זִיךְ אָפּ, 'עֶס פֶעלְט מִיר דָאס', אוּן 'עֶס פֶעלְט מִיר דָאס', 'אִיךְ ווִיל זַיין אַזוֹי וִוי אִים', 'עֶר אִיז מֶער וִוי מִיר אוּן אִיךְ בִּין וֵוייניגֶער וִוי אִים', - יֶעדֶער רֶעדְט פוּן זַיינֶע חֶסְרוֹנוֹת.

אוּן אַפִילוּ אַלֶע שִׂמְחוֹת פוּן דֶער וֶועלְט. זֶענֶען אַלֶע נָאר פוּן חִסְרוֹנוֹת. וָואס מֶע פְרֵייט זִיךְ אוֹיף דֶעם וָואס סֶע אִיז אִים אָפּ גִיגַאנְגֶען. אוּן הַיינְט הָאט עֶר דָאס וָואס סֶע אִיז אִים אָפְּגִיגַאנְגֶען.

אַפִילוּ וֶועל מֶען רֶעדְט פוּן אַ שִׂמְחָה, אִיז דִי שִׂמְחָה אוֹיךְ נָאר אַז דֶער 'חִסָרוֹן' אִיז נִשְׁלָם גֶעוָוארְן, צוּם בֵּיישְׁפִּיל, בִּיז יֶעצְט הָאט עֶר נִישְׁט גֶעהַאט קַיין קִינְדֶער אָדֶער גֶעלְט, אוּן הַיינְט הָאט עֶר שׁוֹין קִינְדֶער אוּן גֶעלְט.

אוּן בַּיי מִיר טְרֶעפְט דִי גַאנְצֶע וֶועלְט גָאר נִיט אָן. אַז אִיךְ זָאל הֶערִין זֵייעֶר חִסָרוֹן. וָוארִין אִיךְ לֶעבּ אַזוֹי אַ חַיִים טוֹבִים וָואס סֶע הָאט גָאר קֵיין שׁוּם חִסָרוֹן נִיט.

אָבֶּער אַז אַ מֶענְטְשׁ אִיז דָבוּק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר לֶעבְּט מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, הָאט עֶר אַ חַיִים טוֹבִים, עֶס פֶעלְט אִים גָארְנִישְׁט, פַארְקֶערְט, אַ גַאנְצְן טָאג דַאנְקְט עֶר אוּן לוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי פִילֶע גוּטְס וָואס עֶר הָאט יָא.

## ווּאוּ אִיז דֶער רֶבִּי?

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט מֶען זָאל קוּמֶען דְרֵיי מָאל אַ יָאר צוּ אִים, רֹאשׁ הַשָּׁנָה, יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת אוּן שַׁבָּת חֲנוּכָּה. דִי שְׁאֵלָה אִיז נָאר: "ווּאוּ אִיז דֶער רֶבִּי?" דַארְף מֶען גוּט ווִיסְן, עֶס אִיז נִישְׁט דָא אַ פְּלַאץ וָואס 'דָארְט אִיז דֶער רֶבִּי', דֶער רֶבִּי אִיז ווּאוּ מֶען רֶעדְט פוּן אִים, פוּן זַיינֶע עֵצוֹת אוּן חִיזוּק, אַפִילוּ דָא אִין שְׁטֶעטְל אוֹיבּ וֶועט מֶען אוֹיפְהֶערְן צוּ רֶעדְן פוּן רֶבִּי'ן - אִיז דֶער רֶבִּי מֶער נִישְׁט דָא.

אִין דִי יָארְן וָואס מֶען הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט פָארְן קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אִיז גֶעוָוארְן אַ גַאנְצֶע מַחֲלוֹקֶת אִין בְּרֶסְלֶב ווּאוּ דֶער רֶבִּי אִיז, צִי אִין יְרוּשָׁלַיִם אָדֶער אִין מִירוֹן, הָאט מוֹהֲרָא"שׁ אַלֶע יָארְן לוֹחֵם גֶעוֶוען אוֹיף דֶעם, עֶר הָאט גֶעזָאגְט: "דֶער רֶבִּי אִיז דָארְט ווּאוּ מֶען רֶעדְט פוּן אִים, אַז מֶען קֶען פָארְן קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה פָארְט מֶען קַיין אוּמַאן, אוּן אַז מֶען קֶען נִישְׁט פָארְן קַיין אוּמַאן, ווּאוּ עֶס קוּמֶען זִיךְ צוּזַאם צֶען מֶענְטְשְׁן וָואס גְלֵייבְּן אִין רֶבִּי'ן, מֶען רֶעדְט פוּן רֶבִּי'ן אָן לֵיצָנוּת - אִיז דָארְט דֶער רֶבִּי".

## יֶעדֶער הָאט שַׁיְיכוּת מִיט הַפָּצָה

בָּרוּךְ הַשֵּׁם בִּיז דֶערְוַוייל אִיז דֶער שְׁטֶעטְל אַ פְּלַאץ ווּאוּ דֶער רֶבִּי גֶעפִינְט זִיךְ, יֶעדֶער הָאט שַׁיְיכוּת מִיטְ'ן רֶבִּי'ן, יֶעדֶער לֶערְנְט דֶעם רֶבִּי'נְס סְפָרִים, יֶעדֶער פָאלְגְט דֶער רֶבִּי, יֶעדֶער הָאט שַׁיְיכוּת מִיט הַפָּצָה, אוּן אוֹיף דֶעם אִיז דִי גַאנְצֶע שְׁטֶעטְל גֶעבּוֹיעֶט, יֶעדֶער טוּט הַפָּצָה אוֹיף זַיין וֶועג. הַפָּצָה מֵיינְט נִישְׁט נָאר אַז מֶען נֶעמְט אַ בַּאקְס סְפָרִים אוּן מֶען גֵייט אַרוּם דֶערְמִיט בַּיי דִי הַייזֶער אוּן אִין בָּתֵּי מִדְרָשִׁים, נָאר דָאס אַלֵיינְס אַז אַ מֶענְטְשׁ פִירְט זִיךְ אוֹיף אַזוֹי ווִי עֶס דַארְף צוּ זַיין, אוּן מֶענְטְשְׁן זֶעעֶן 'וַואוּ, דָאס אִיז בְּרֶסְלֶב?!' בְּרֶענְגְט עֶס שׁוֹין אַז נָאךְ מֶענְטְשְׁן זָאלְן מְקוּרָב וֶוערְן צוּם רֶבִּי'ן.

## שִׁיק אַהֵין דַיין זוּן!

עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ בָּחוּר וָואס הָאט גֶעוָואלְט אַרַיין קוּמֶען לֶערְנֶען אִין יְשִׁיבָה, אִיז זַיין טַאטֶע גֶעגַאנְגֶען צוּם דַיָּין פוּן זַיין קְהִלָּה זִיךְ דוּרְךְ רֶעדְן צִי עֶר זָאל שִׁיקְן דֶעם קִינְד קַיין בְּרֶסְלֶב, דֶער דַיָּין הָאט נִישְׁט גֶעוואוּסְט וָואס דֶער פְּלַאץ אִיז, הָאט עֶר אָפְּגֶערֶעדְט דֶעם טַאטֶע'ן אַז עֶס אִיז אַ פְּלַאץ פוּן קַלִּים וְרֵקִים... אַ שְׁטִיק צַייט שְׁפֶּעטֶער רוּפְט דֶער דַיָּין אָן דֶעם טַאטֶע'ן, עֶר זָאגְט אִים אַז עֶר הָאט זִיךְ אִיבֶּער גֶעצֵייגְט אַז עֶר הָאט גֶעמַאכְט אַ טָעוּת, וַוייל אַ בְּרֶסְלֶב'עֶר אִינְגֶערְמַאן פוּן שְׁטֶעטְל הָאט אִיבֶּער גֶעמַאכְט זַיין הוֹיז, עֶר הָאט גֶעזֶען אַז עֶס אִיז סְתָּם לָשׁוֹן הָרָע, עֶר אִיז מוֹרָא'דִיג נִתְפָּעֵל גֶעוָוארְן צוּ זֶען ווִי דֶער אִינְגֶערְמַאן אִיז אַזַא עֶרְלִיכֶער, עֶר רֶעדְט אֵיידְל, עֶר רֶעדְט נִישְׁט קַיין נִיבּוּל פֶּה, עֶר פָּאפְּט נִישְׁט אָפּ, שֵׁם שָׁמַיִם שָׁגוּר בְּפִיו, עֶר זָאגְט בַּיי יֶעדֶע זַאךְ: "בָּרוּךְ הַשֵּׁם", "אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם", "מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף", זָאגְט עֶר פַארְ'ן טַאטֶע'ן: "שִׁיק אַהִין דַיין זוּן! זֵיי זֶענֶען אַזֶעלְכֶע אֵיידֶעלֶע אִינְגֶעלַייט!"

אַ מֵפִיץ קֶען אַרוּמְגֵיין מִיט אַ בַּאקְס סְפָרִים, אָבֶּער עֶר אִיז נִישְׁט זִיכֶער צִי דֶער מֶענְטְשׁ וָואס הָאט גֶענוּמֶען דֶעם סֵפֶר וֶועט עֶס אַפִילוּ עֶפֶענֶען, אָבֶּער אַז דוּ בְּרֶענְגְסְט אַ דַיָּין, אַ רָב פוּן אַ קְהִלָּה צוּם רֶבִּי'ן, דוּרְכְדֶעם וָואס עֶר זֶעט דַיין שֵׁיינֶע אוֹיפְפִירוּנְג, דוּ הַאנְדְלְסְט שֵׁיין אוּן שְׁמֵייכְלְסְט צוּ אִים, וֶועט עֶר נָאכְדֶעם נִישְׁט אָפְּהַאלְטְן בָּחוּרִים אוּן אִינְגֶעלַייט פוּן קוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן. דָאס הֵייסְט אַ מֵפִיץ! אִיךְ הָאבּ יֶעדְן טָאג אַזֶעלְכֶע מַעֲשִׂיוֹת, ווִי אִיךְ הֶער צוּרִיק פוּן גֶעסְט וָואס זֶענֶען דָא גֶעוֶוען אוּן זֵיי רֶעדְן פוּן הִתְפַּעֲלוּת: "אָה, דִי בְּרֶסְלֶב'עֶ זֶענֶען יָא נָארְמַאלֶע, עֶרְלִיכֶע, אֵיידֶעלֶע מֶענְטְשְׁן", יֶעצְט קֶען מֶען אִים שׁוֹין אוֹיךְ גֶעבְּן אַ קוּנְטְרֵס, אַ סֵפֶר, עֶר וֶועט שׁוֹין אַרַיין קוּקְן דֶערִין.

## וָואס בַּאקוּמֶען מִיר שַׁבָּת חֲנוּכָּה?

מוֹהֲרָא"שׁ גֶעבְּט אוּנְז צוּ פַארְשְׁטֵיין דִי בַּאדֵייט פוּן דִי דְרֵיי צַייטְן וָואס מִיר קוּמֶען צוּם רֶבִּין. אַז מֶען קוּמְט צוּם רֶבִּי'ן 'רֹאשׁ הַשָּׁנָה' - וֶועקְט אוּנְז דֶער רֶבִּי אוֹיף פוּן אוּנְזֶער טִיפְן שְׁלָאף וְכוּ', 'יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת' - בַּאקוּמֶען מִיר אַ שְׁטוּפּ אוּן אַ פְרִישְׁקֵייט צוּ לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, דֶער רֶבִּי גֶעבְּט אוּנְז אַ וֶועג ווִי אַזוֹי מִיר קֶענֶען זוֹכֶה זַיין צוּ לֶערְנֶען אוּן שְׁפַּאצִירְן בְּכָל חֶלְקֵי הַתּוֹרָה (כַּמְבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו), אוּן 'שַׁבָּת חֲנוּכָּה' - בַּאקוּמֶען מִיר פוּן רֶבִּי'ן דֶער זַאךְ פוּן 'תּוֹדָה וְהוֹדָאָה', לוֹיבְּן אוּן דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַלֶעס וָואס עֶר טוּט מִיט אוּנְז.

מְמֵילָא אַז מִיר קוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן אוֹיף 'שַׁבָּת חֲנוּכָּה' דַארְף מֶען אַרוֹיס נֶעמֶען דֶעם נְקוּדָה וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט, וָואס דֶער טוֹיבֶּער בֶּעטְלֶער לֶערְנְט אוּנְז, אָנְצוּהֵייבְּן דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין חֶסְרוֹנוֹת, אִיךְ וֵוייס נִישְׁט פוּן קַיין חֶסְרוֹנוֹת, אוּן עֶס פֶעלְט מִיר גָארְנִישְׁט אִין לֶעבְּן.

## ווּאוּ אִיז דִי שֶׁפַע?!

דָאס אִיז אַ זַאךְ אוֹיף וָואס מֶען דַארְף גוּט גוּט תְּשׁוּבָה טוּן, אַ מֶענְטְשׁ כַאפְּט נִישְׁט ווִי עֶר טְרַאכְט נָאר: 'פַארְוָואס גֵייט נִישְׁט דָאס?' אוּן 'פַארְוָואס גֵייט נִישְׁט יֶענְץ?' אוּן מֶען הָאט קַשְׁיוֹת אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן; אַ אִינְגֶערְמַאן הָאט אַ קַשְׁיָא: "אִיךְ טוּ אַלֶע פְּעֻלּוֹת צוּ בַּאקוּמֶען שֶׁפַע, אִיךְ שֶׁער נִישְׁט מַיין בָּארְד, אִיךְ דַאוֶוען שַׁחֲרִית, מִנְחָה אוּן מַעֲרִיב מִיט מִנְיָן, אוּן ווּאוּ אִיז דִי שֶׁפַע?!" אוּן אַ פְרוֹי הָאט אַ קַשְׁיָא: "אִיךְ הֶער בַּיי דִי דְרָשׁוֹת אַז אוֹיבּ מֶען שֶׁערְט זִיךְ אָפּ וֶועט מֶען הָאבְּן שֶׁפַע, אוּן אוֹיבּ מֶען הָאט נִישְׁט קַיין טֶעלֶעפָאוֹן אִינְדֶערְהֵיים וֶועט מֶען הָאבְּן שֶׁפַע, אוּן אוֹיבּ מֶען גֵייט אָנְגֶעטוּן אֵיידְל וֶועט מֶען הָאבְּן שֶׁפַע, אִיךְ טוּ שׁוֹין דִי אַלֶע זַאכְן, אִיךְ שֶׁער זִיךְ אָפּ, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין טֶעלֶעפָאוֹן, אוּן אִיךְ גֵיי אָנְגֶעטוּן אֵיידְל, ווּאוּ זֶענֶען דִי זַאכְן וָואס מֶען הָאט צוּגֶעזָאגְט? ווּאוּ אִיז דִי שֶׁפַע?!"

## מֶען קֶען אַפִילוּ נִישְׁט אָנְהֵייבְּן צוּ דַאנְקֶען

אַזוֹי דְרֵיידְט מֶען זִיךְ אַרוּם מִיט קַשְׁיוֹת אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶּער מִיר זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן אוֹיף 'שַׁבָּת חֲנוּכָּה' צוּ בַּאקוּמֶען דִי מַתָּנָה דְרָשָׁה גֶעשַׁאנְק פוּנֶעם 'טוֹיבֶּער' בֶּעטְלֶער, אִיךְ הֶער מֶער נִישְׁט קַיין חֶסְרוֹנוֹת, אִיךְ דַאנְק אוּן לוֹיבּ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיךְ בִּין גֶעזוּנְט, אִיךְ אָטֶעם. אַז מֶען זָאל נָאר אַרַיין טְרַאכְטְן ווִיפִיל גוּטְס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּט פַאר אַ מֶענְטְשׁ, קֶען מֶען אַפִילוּ נִישְׁט אָנְהֵייבְּן צוּ דַאנְקֶען.

## אִיךְ זָאל נִישְׁט הָאבְּן קַיין קַשְׁיוֹת אוֹיף דִיר

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּט אַזוֹי פִיל גוּטְס פַאר אַ מֶענְטְשׁ, אוּן מֶען אִיז נָאר פַארְנוּמֶען צוּ טְרַאכְטְן אַז 'דָאס פֶעלְט מִיר' אוּן 'דָאס פֶעלְט מִיר'. מֶען הָאט שׁוֹין גֶערֶעדְט פוּן דֶעם עִנְיָן לֵיל שִׁישִׁי בַּיים שִׁיעוּר, אוּן נֶעכְטְן בַּיי דִי בָּאטֶע, אוּן הַיינְט אִינְדֶערְפְרִי פַארְ'ן דַאוְונֶען, אוּן מִיר וֶועלְן בְּלַייבְּן רֶעדְן נָאר פוּן דֶעם נְקוּדָה; מֶען דַארְף וִויסְן, אַז מֶען הָאט קַשְׁיוֹת אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן דַארְף מֶען תְּשׁוּבָה טוּן!

אַ בָּחוּר דֶערְצֵיילְט מִיר, עֶר גֵייט אַרוּם אִין דִי שְׁפִּיטָעלֶער שְׁפִּילְן אוּן זִינְגֶען, זֶענֶען דָא חוֹלִים וָואס מַאכְן זִיךְ נִישְׁט וואוּסֶענְדִיג פוּן זַיינֶע גֶעזַאנְגֶען, זֵיי זֶעעֶן נֶעבֶּעךְ אוֹיס וִוי גֶעלֶעמְט, אָבֶּער וֶוען עֶר זִינְגְט דֶעם נִיגוּן: **"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ בִּין אִינְגַאנְצְן אַלֵיין, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, קֵיינֶער קֶען מִיךְ נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין, הֶעלְף מִיר הֶעלְף מִיר, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֶעלְף מִיר הֶעלְף מִיר, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ זָאל נִישְׁט הָאבְּן קַיין קַשְׁיוֹת אוֹיף דִיר, אִיךְ זָאל אֵייבִּיג גְלַייבְּן אִין דִיר".** - הֵייבְּן זֵיי אָן צוּ רֶעאַגִירְן.

דָאס אִיז אַ זַאךְ וָואס מֶען קֶען נִישְׁט אָנְזֶען פוּן אִינְדְרוֹיסְן, אָבֶּער אִינֶעוֵוייְנִיג אִין מֹחַ דַארְף יֶעדֶער תְּשׁוּבָה טוּן אוֹיף דֶעם, מֶען זָאל נִישְׁט טְרַאכְטְן 'פַארְוָואס אַהֶער' אוּן 'פַארְוָואס אַהִין', 'פַארְוָואס פֶעלְט מִיר דָאס' אוּן 'פַארְוָואס פֶעלְט מִיר יֶענְץ', מֶען זָאל נָאר זֶען דִי חֲסָדִים פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

## וָואס הֶערְט זִיךְ עֶפֶּעס נֵייעֶס?

דָאס דַארְף זַיין דִי נֵייעֶס פוּנֶעם טָאג; נֵייעֶס אִיז נִישְׁט אַז רוּסְלַאנְד הָאט גֶעוָוארְפְן אַ בָּאמְבֶּע אוֹיף אוּקְרֵיינָא, נֵייעֶס אִיז אַז: **"דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז גוּט צוּ מִיךְ!"** - וֶוען אֵיינֶער פְרֶעגְט דִיךְ: "וָואס הֶערְט זִיךְ עֶפֶּעס נֵייעֶס?" עֶנְטְפֶער: **"בָּרוּךְ הַשֵּׁם! גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן!" "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז גוּט!"** אוֹיךְ אִיז דָאס זֵייעֶר וִויכְטִיג אִין שְׁטוּב, אַמָאל אִיז דִי וַוייבּ אוֹיסְגֶעמוּטְשֶׁעט אוּן פַארְדַאֲגָה'ט, זִי פְרֶעגְט: **"וָואס וֶועט זַיין?"** דַארְף דֶער מַאן זַיין דֶער וָואס זָאל זָאגְן: **"דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז גוּט צוּ אוּנְז"**, אוּן אַמָאל אִיז עֶס פַארְקֶערְט, דֶער מַאן קוּמְט אַהֵיים אוּן פְרֶעגְט זַיין וַוייבּ: **"אִיךְ הָאבּ אַ פְּרָאבְּלֶעם, וָואס וֶועט זַיין?"** דַארְף דִי וַוייבּ זָאגְן: **"דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז גוּט צוּ אוּנְז"**, - **"יָא; אָבֶּער דָאס פֶעלְט אוּנְז אוּן דָאס פֶעלְט אוּנְז"**, - זָאל מֶען זִיךְ מְחַזֵק זַיין: **"בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז מִיר זֶענֶען גֶעזוּנְט, מִיר זֶענֶען אִינְדֶערְהֵיים מִיט אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער!"**

אִיךְ הֶער נִישְׁט אוֹיס וָואס דֶער יֵצֶר הָרָע ווִיל מִיר פַארְדְרֵייעֶן אַ קָאפּ מִיט חֶסְרוֹנוֹת, אִיךְ בִּין אַ 'בְּלִינְדֶער' בֶּעטְלֶער, אִיךְ זֶע נִישְׁט קַיין חֶסְרוֹנוֹת; אִיךְ בִּין אַ 'טוֹיבֶּער' בֶּעטְלֶער, אִיךְ הֶער נִישְׁט קַיין חֶסְרוֹנוֹת; אִיךְ בִּין אַ 'שְׁטָאמְפְּלְדִיגֶער' בֶּעטְלֶער, אִיךְ רֶעד נִישְׁט פוּן חֶסְרוֹנוֹת.

## הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ אִיז דִי שֵׂכֶל פוּן מוֹהֲרָא"שׁ

עֶס אִיז אַ נַארִישֶׁע זַאךְ צוּ טְרַאכְטְן אַז בַּיים חַבֵר גֵייט בֶּעסֶער פוּן מִיר, אוּן 'עֶר אִיז אַ גְרֶעסֶערֶער עוֹבֵד הַשֵּׁם פוּן מִיר', וָואס וֵוייסְטוּ צִי עֶר דִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן?! עֶס אִיז דָא אִינְגֶעלַייט וָואס קְלַאפְּן זִיךְ אַרָאפּ: 'דֶער אִיז עֶכְט הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ', אוּן 'דֶער אִיז עֶכְט הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ', אוּן אִיךְ... - הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ אִיז נִישְׁט דֶער אוּן יֶענֶער, הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ אִיז דִי סְפָרִים, דִי שֵׂכֶל פוּן מוֹהֲרָא"שׁ.

וֶוען אִיךְ בִּין מְקוּרָב גֶעוָוארְן צוּ מוֹהֲרָא"שׁ הָאט מִיר עֶס גֶענוּמֶען צַייט צוּ כַאפְּן, אִין אָנְהֵייבּ הָאבּ אִיךְ אוֹיךְ גֶעמֵיינְט אַז דֶער אִיז הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ אוּן יֶענֶער אִיז הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט חֲלִישַׁת הַדַעַת פַארְוָואס גֶעוִויסֶע מֶענְטְשְׁן דְרֵייעֶן זִיךְ אוֹיךְ אִין הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, אוּן אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט אַ נֵס אַז אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען צְוֵויי דְרֵיי תַּלְמִידִים בַּיי מוֹהֲרָא"שׁ מִיט דִי שְׁוַוארְצֶע פָּשׁוּטְ'עֶ גְלֶעזֶער, אַזוֹי הָאבּ אִיךְ גֶעטְרַאכְט אַז 'הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ' אִיז טַאקֶע אַן עֶרְלִיכֶע חָשׁוּבְ'עֶ פְּלַאץ...

עֶס הָאט מִיר גֶענוּמֶען אַ הַאלְבֶּע יָאר צוּ הֶערְן דְרָשׁוֹת פוּן מוֹהֲרָא"שׁ בִּיז אִיךְ זָאל כַאפְּן אַז הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ זֶענֶען נִישְׁט דִי מֶענְטְשְׁן, הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ אִיז אַ פְּלַאץ וָואס מַאכְט 'מִיר' נֶעמֶען אַ חוּמָשׁ, אַ מִשְׁנַיוֹת, עֶס גֶעבְּט מִיר דִי שֵׂכֶל פוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דִי שֵׂכֶל פוּן דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דִי שֵׂכֶל פוּן לֶעבְּן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶער פוּן דֶעם אִינְטֶערֶעסִירְט מִיר נִישְׁט.

## רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן

וִוי אַזוֹי אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ לֶעבְּן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן? דוּרְךְ דֶעם וָואס מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן! אִיךְ זָאג אַלְץ פַאר דִי אַלֶע וָואס הָאבְּן נָאכְנִישְׁט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ שְׁפִּירְן דָאס גֶעשְׁמַאק פוּן הִתְבּוֹדְדוּת, זֵיי זָאלְן וִויסְן אַז אִין אָנְהֵייבּ אִיז עֶס זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ טוּן, אִין אָנְהֵייבּ רֶעדְט מֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן נָאר אֵיין וָוארְט: **"אֵייבֶּערְשְׁטֶער", "אֵייבֶּערְשְׁטֶער", "אֵייבֶּערְשְׁטֶער", "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם", "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער".** מִיט יֶעדֶע וָוארְט וָואס מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן הֵייבְּט מֶען אָן צוּ שְׁפִּירְן נָאךְ אַבִּיסְל דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

עֶס אִיז דָא מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען אַיינְגֶערֶעדְט אַז זֵיי רֶעדְן 'אַ גַאנְצְן טָאג' צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶּער דֶער אֱמֶת אִיז אַז זֵיי רֶעדְן נִישְׁט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. [אוֹיךְ זֶענֶען דָא מֶענְטְשְׁן וָואס מֵיינֶען אַז זֵיי לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע, זֵיי מֵיינֶען אַז זֵיי וַואשְׁן זִיךְ אָפּ נֶעגְל וַואסֶער, זֵיי מֵיינֶען אַז זֵיי לֵייגְן תְּפִילִין, זֵיי וואוּנְדֶערְן זִיךְ 'וֶוער טוּט נִישְׁט דִי אַלֶע זַאכְן? פַארְוָואס דַארְף מֶען אַפִילוּ רֶעדְן פוּן דֶעם?' מֶען דַארְף הָאבְּן אַ נֵס מֶען זָאל אַרוֹיס גֵיין פוּן דִמְיוֹן אוּן זִיךְ כַאפְּן אַז 'אִיךְ דַארְף תְּשׁוּבָה טוּן'].

אַזוֹי וִוי מֶען קֶען נִישְׁט מַסְבִּיר זַיין וֶועלְכֶע טַעַם אַן עֶסְנְוַוארְג הָאט, דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ קֶען מֶען נִישְׁט מַסְבִּיר זַיין וָואס מֶען שְׁפִּירְט וֶוען מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אֵיין זַאךְ קֶען אִיךְ זָאגְן (תְּהִלִּים לד, ט): **"טַעֲמוּ"** -פְּרוּבִּיר עֶס אוֹיס, הֵייבּ אָן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, **"וּרְאוּ כִּי טוֹב"** - וֶועסְטוּ שְׁפִּירְן אַ טַעַם גַן עֵדֶן.

### דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן - שַׁעֲשׁוּעַ עוֹלָם הַבָּא

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (עַיֵין לִקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן ב): צוּ דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז שַׁעֲשׁוּעַ עוֹלָם הַבָּא; וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זָאגְט אֵיינְמָאל אוּן נָאכְאַמָאל פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"אִיךְ דַאנְק דִיךְ אוּן לוֹיבּ דִיךְ"**, שְׁפִּירְט עֶר שַׁעֲשׁוּעַ עוֹלָם הַבָּא, אַ טַעַם גַן עֵדֶן.

## דָאס אִיז מַיין לֶעבְּן

אַ מֶענְטְשׁ וָואס הָאט טַעֲנוֹת אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן: 'פַארְוָואס הָאבּ אִיךְ בַּאקוּמֶען אַזַא שִׁידוּךְ? פַארְוָואס הָאבּ אִיךְ נִישְׁט בַּאקוּמֶען עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ?' - אִיז אַ גְרוֹיסֶער רַחֲמָנוּת, עֶס אִיז אַ סִימָן אַז עֶס פֶעלְט אִים אֱמוּנָה, וַוייל אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן דֶעם שִׁידוּךְ, אִיז דָאס מַיין לֶעבְּן, דָאס אִיז מַיין וַוייבּ, דָאס אִיז מַיין מַאן, דָאס זֶענֶען מַיינֶע קִינְדֶער, אִיךְ דַאנְק דִיךְ אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אוּן אִיךְ בֶּעט דִיךְ: **"בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל הָאבְּן דִי רִיכְטִיגֶע צוּגַאנְג צוּ זֵיי".**

אַ מֵפִיץ דֶערְצֵיילְט מִיר, עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען הַפָּצָה בַּיי דִי הַייזֶער, הָאט אִים אֵיינֶער פָארְגֶעהַאלְטְן: **"בְּרֶסְלֶב אִיז נִישְׁט קַיין נָארְמַאלֶע פְּלַאץ, מֶען הֶערְט דָארְט נִישְׁט אוֹיף צוּ רֶעדְן פוּן שָׁלוֹם בַּיִת..."** אִיךְ הָאבּ עֶס גֶענוּמֶען פַאר חִיזוּק, אָנְהֵייבְּן צוּ רֶעדְן פוּן דֶעם פוּן פְרִישׁ, וַוייל אַז מֶען מַאכְט חוֹזֶק דֶערְפוּן אִיז אַ סִימָן אַז דָאס אִיז דֶער נְקוּדָה פוּן וָואס מֶען דַארְף רֶעדְן (עַיֵין לִקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן כב).

## דֶער יֵצֶר הָרָע לָאקֶערְט

הֶערְט אַ דִיבּוּר פוּן רֶבִּי'ן; רֶבִּי נָתָן שְׁרַייבְּט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רסג) אֵיינֶער הָאט מִיר דֶערְצֵיילְט, עֶר הָאט גֶעהַאט אַ שְׁמוּעָס מִיטְ'ן רֶבִּי'ן אִיבֶּער דֶעם וָואס מֶען זֶעט אִינְגֶעלַייט צֶעטֵיילְן זִיךְ פַאר אַ שְׁטִיק צַייט אוּן אַסַאךְ מָאל וֶוערְט נָאכְדֶעם אַ גֶט חַס וְשָׁלוֹם, הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: **"שֶׁזֶּה מַעֲשֶׂה בַּעַל דָּבָר"**, דָאס אִיז מַעֲשֶׂה שָׂטָן, **"שֶׁמַּנִּיחַ אֶת עַצְמוֹ עַל זֶה מְאֹד, לְקַלְקֵל הַשָּׁלוֹם שֶׁל בְּנֵי הַנְּעוּרִים, כְּדֵי שֶׁיִּתָּפְסוּ בִּמְצוּדָתוֹ חַס וְשָׁלוֹם עַל יְדֵי זֶה"**, דֶער יֵצֶר הָרָע מַאכְט מֶען זָאל זִיךְ צֶעטֵיילְן, וַוייל אַז מֶען אִיז אָן אַ וַוייבּ כַאפְּט עֶר אַרַיין דֶעם מֶענְטְשׁ בַּיי אִים אִין זַאק אַרַיין, **"כִּי הוּא אוֹרֵב עַל זֶה מְאֹד, לְתָפְסָם בִּנְעוּרֵיהֶם עַל יְדֵי קִלְקוּל הַשָּׁלוֹם בַּיִת חַס וְשָׁלוֹם, שֶׁגּוֹרֵם בְּעַרְמוּמִיּוּתוֹ לְקַלְקֵל הַשָּׁלוֹם שֶׁבֵּינֵיהֶם"**, וַוייל דֶער יֵצֶר הָרָע לָאקֶערְט אוֹיף יוּנְגֶע פָּארְפֶעלְקֶער זֵיי צוּ צֶעטֵיילְן אוּן אַזוֹי כַאפְּט עֶר זֵיי אַרַיין אִין שְׁמוּצִיגֶע עֲבֵירוֹת.

נִישְׁט אֵייבִּיג קֶען מֶען אָנְזֶען וֶוען אֵיינֶער הָאט נִישְׁט קַיין שָׁלוֹם בַּיִת, עֶס קֶען זַיין אַז מֶען שְׁפַּאצִירְט וַוייטֶער צוּזַאמֶען, מֶען גֵייט אַפִילוּ אַרוֹיס עֶסְן צוּזַאמֶען, אָבֶּער דִי לִיבְּשַׁאפְט אִיז אָפְּגֶעשְׁוַואכְט, מֶען רֶעדְט נִישְׁט צְוִוישְׁן זִיךְ - נָאר וָואס מֶען מוּז רֶעדְן. זָאגְט דֶער רֶבִּי אַז דָאס קוּמְט פוּנֶעם סַמֶ"ךְ מֵ"ם וָואס זוּכְט אָפְּצוּטֵיילְן מַאן אוּן וַוייבּ, וַוייל אֵיינְמָאל מֶען אִיז אָפְּגֶעטֵיילְט קֶען עֶר שׁוֹין אַרָאפּ וַוארְפְן דֶעם מַאן אוּן וַוייבּ אִין עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן, אוּן נָאר אַז עֶס אִיז דָא לִיבְּשַׁאפְט, מֶען קוּקְט שֵׁיין אֵיינֶער אוֹיפְ'ן צְוֵוייטְן, מֶען רֶעדְט שֵׁיין אֵיינֶער צוּם צְוֵוייטְן, קֶען מֶען זַיין זוֹיבֶּער.

## דֶער רֶבִּי אִיז אַרוֹיס פוּן בֵּית הַמֶּדְרָשׁ

עֶס אִיז דָא אַ בְּרִיוּו אִין סֵפֶר הַקָדוֹשׁ 'אֲשֶׁר בַּנַחַל' וואוּ מוֹהֲרָא"שׁ שְׁרַייבְּט פַאר אֵיינֶעם: **"אַז דוּ קְרִיגְסְט זִיךְ מִיט דַיין וַוייבּ וֶועל אִיךְ דִיר אַרוֹיס וַוארְפְן פוּן**

בֵּית הַמֶּדְרָשׁ!" מוֹהֲרָא"ש שְׁרַייבְּט דָארְט: "כְּמוֹ שֶׁאֲרַע אֶצֶל רַבֵּינוּ", אַזוֹי וִוי עֶס הָאט פַּאסִירְט בַּיים רֶבִּי'ן. אִיךְ הָאבּ גֶעטְרַאכְט צוּ מִיר, וֶוען הָאט דֶער רֶבִּי אַרוֹיס גֶעוָוארְפְן אַ מֶענְטְשׁ פוּן בֵּית הַמֶּדְרָשׁ? נָאר מוֹהֲרָא"ש מֵיינְט דִי מַעֲשֶׂה, אַז אַמָאל אִיז דֶער רֶבִּי גֶעזֶעצְן בַּיים טִישׁ מִיט זַיינֶע תַּלְמִידִים, אִינְמִיטְן הָאט זִיךְ דֶער רֶבִּי אָנְגֶערוּפְן: "וִוי וַואגְט זִיךְ צוּ קוּמֶען צוּ מַיין טִישׁ אֵיינֶער וָואס הָאט נִישְׁט קַיין רֵיינֶע מַחְשָׁבוֹת", אוּן דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט, עֶר אִיז אַרַיין אִין זַיין צִימֶער אוּן מֶער נִישְׁט גֶעוָואלְט בְּלַייבְּן זִיצְן בַּיים טִישׁ. וֶוען דֶער אִינְגֶערְמַאן הָאט גֶעזֶען וִוי דֶער רֶבִּי גֵייט אַרַיין אִין צִימֶער, הָאט עֶר זִיךְ אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט, עֶר אִיז צוּגֶעגַאנְגֶען צוּם רֶבִּינְ'ס צִימֶער אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן וֵויינֶען, אוּן זִיךְ אַיינְגֶעבֶּעטְן בַּיים רֶבִּי'ן, בִּיז דֶער רֶבִּי אִיז צוּרִיק אַרוֹיס גֶעקוּמֶען אוּן וַוייטֶער מַמְשִׁיךְ גֶעוֶוען דִי תּוֹרָה. דֶער רֶבִּי הָאט אִים נִישְׁט אַרוֹיס גֶעוָוארְפְן, אָבֶער דֶער רֶבִּי אִיז אַלֵיינְס אַרוֹיס פוּן בֵּית הַמֶּדְרָשׁ, דֶער רֶבִּי הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט בְּלַייבְּן זִיצְן מִיט אִים בַּיי אֵיין טִישׁ.

מוֹהֲרָא"ש פְלֶעגְט דֶערְצֵיילְן, וָואס אִיז גֶעוֶוען דִי מַעֲשֶׂה מִיט דֶעם אִינְגֶערְמַאן? דֶער אִינְגֶערְמַאן הָאט זִיךְ אַבִּיסְל צֶעאַמְפֶּערְט מִיט זַיין וַוייבּ בֶּעפָאר עֶר אִיז גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן, דֶער רֶבִּי הָאט עֶס מַרְגִישׁ גֶעוֶוען, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט שׁוֹין נִישְׁט גֶעוָואלְט זִיצְן מִיט אִים בַּיי אֵיין טִישׁ, בִּיז עֶר הָאט צוּגֶעזָאגְט פַארְ'ן רֶבִּי'ן, וֶוען עֶר קוּמְט אַהֵיים מַאכְט עֶר שָׁלוֹם מִיט אִיר.

וֶוען בָּחוּרִים פְלֶעגְן קוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן פְלֶעגְט זֵיי דֶער רֶבִּי אַוֶועק שִׁיקְן, דֶער רֶבִּי פְלֶעגְט זָאגְן: "קוּם צוּרִיק מִיט אַ טַלִּית", וַוייל זוֹכֶה זַיין צוּ טָהֳרַת הַמּוֹחַ וְהַמַּחְשָׁבָה אִיז נָאר אַז מֶען אִיז אַן אָדָם הַשָּׁלֵם, מֶען אִיז חֲתוּנָה גֶעהַאט, אוּן דֶערְפַאר הָאט דֶער רֶבִּי אוֹיךְ פַארְטְרִיבְּן דִי וָואס הָאבְּן נִישְׁט גֶעהַאט קַיין שָׁלוֹם בַּיִת, וַוייל בַּיים רֶבִּי'ן אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר וִויכְטִיג טָהֳרַת הַמּוֹחַ וְהַמַּחְשָׁבָה.

## אֵיין תַּקָּנָה אִין שְׁטֶעטְל

מֶען הָאט אַוֶועק גֶעשְׁטֶעלְט אִין שְׁטֶעטְל אֵיין תַּקָּנָה, אַ שְׁוֶוערֶע תַּקָּנָה, "מֶען מוּז הָאבְּן שָׁלוֹם בַּיִת!" אַז מֶען קְרִיגְט זִיךְ אִינְדֶערְהֵיים, מֶען טְשֶׁעפֶּעט, מֶען רֶעדְט נִישְׁט שֵׁיין, בַּאלַאנְגְט מֶען נִישְׁט אִין שְׁטֶעטְל, דָאס אִיז דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע זַאךְ וָואס אִיךְ בֶּעט פוּן אַלֶע מִשְׁפָּחוֹת דָא אִין שְׁטֶעטְל, דוּ קוּמְסְט דָא וואוֹינֶען, מַאךְ פְּלַאץ פַארְ'ן רֶבִּי'ן, דֶער רֶבִּי זָאל זִיךְ דָא קֶענֶען גֶעפִינֶען.

## עֶס אִיז מַעֲשֶׂה שָׂטָן

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט זִיךְ זֵייעֶר גֶעבֶּעטְן אוּן גֶעוֵויינְט פוּן טִיפְן הַארְץ: אִיךְ זֶע אַז עֶס אִיז מַעֲשֶׂה שָׂטָן; אִינְגֶעלַייט קְרִיגְן זִיךְ אִינְדֶערְהֵיים אוֹיף נַארִישֶׁע שְׁטוּתִים, עֶר הָאט אַזוֹי גֶעזָאגְט אוּן זִי הָאט אַהֶער גֶעזָאגְט, אוּן וֶועגְן דֶעם אִיז מֶען שׁוֹין צֶעקְרִיגְט, מֶען רֶעדְט שׁוֹין אִינְאֵיינֶעם, אוּן נָאכְדֶעם שֵׁיידְט מֶען זִיךְ אָפּ, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אָפְּהִיטְן. - וִוי קֶען זַיין אַ אִינְגֶערְמַאן זָאל זִיךְ אָפְּשֵׁיידְן אִין שְׁטוּב? בִּיסְט דָאךְ עוֹבֵר אוֹיף אַ לַאו!

אַמָאל וַוארְט דֶער מַאן אַז זִי זָאל אָנְהֵייבְּן זִיךְ אִיבֶּער בֶּעטְן, אוּן דִי וַוייבּ וַוארְט אַז עֶר זָאל אָנְהֵייבְּן זִיךְ אִיבֶּער בֶּעטְן, בִּיז דֶערְוַוייל גֵייט אַרִיבֶּער אַ וָואךְ, צְוֵויי, דְרֵיי, פִיר, פִינְף וָואס מֶען לֶעבְּט אַ פְּרִישׁוּתְ'דִיגֶע לֶעבְּן.

## רַאטֶעוֶועןְ אִידִישֶׁע קִינְדֶער פוּן עֲבֵירוֹת

אִין אַנְדֶערֶע פְלֶעצֶער אִיז זַיין אָפְּגֶעשֵׁיידְט אִינְדֶערְהֵיים אַן עוֹבְד'יִשֶׁע זַאךְ, אָבֶער בַּיים רֶבִּי'ן אִיז דָאס חֲזִיר טְרֵיף! אֵיינֶער פוּן מַיין מִשְׁפָּחָה פְלֶעגְט קוּמֶען צוּ מוֹהֲרָא"שׁ אוּן אִיז אַוֶועק גֶעגַאנְגֶען, מוֹהֲרָא"שׁ הָאט מִיר אֵיינְמָאל גֶעפְרֶעגְט: "פַארְוָואס אִיז יֶענֶער אַוֶועק גֶעגַאנְגֶען?" אִיךְ וֵויס נִישְׁט פַארְוָואס אִיךְ הָאבּ גֶעעֶנְטְפֶערְט, אָבֶער אִיךְ הָאבּ גֶעעֶנְטְפֶערְט: "וַוייל מוֹהֲרָא"שׁ רֶעדְט נִישְׁט פוּן פְּרִישׁוּת", הָאט מוֹהֲרָא"שׁ מִיר דֶעמָאלְט גֶעזָאגְט: "עֶס גֵייט מִיר נִישְׁט אָן וָואס מֶען וֶועט רֶעדְן אוֹיף מִיר, עֶס גֵייט מִיר נִישְׁט אָן אַז מֶען וֶועט זָאגְן אוֹיף מִיר אַז אִיךְ בִּין אַ קַל, אִיךְ וִויל רַאטֶעוֶוען אִידִישֶׁע קִינְדֶער פוּן עֲבֵירוֹת, אִיךְ וִויל דִי שְׁכִינָה זָאל רוּעֶן צְוִוישְׁן מַאן אוּן וַוייבּ".

## פְּרִישׁוּת אִיז עוֹלָם הַזֶּה!

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעזָאגְט: וֶועם עֶס פַּאסְט נִישְׁט צוּ זִיצְן אִין אַ בֵּית הַמֶּדְרָשׁ וואוּ מֶען רֶעדְט נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל פוּן שָׁלוֹם בַּיִת, קֶען זוּכְן אַ צְוֵוייטֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה וָואס רֶעדְט פוּן 'הַשְׁפָּעוֹת טוֹבוֹת' אוּן 'תַּאֲווֹת אֲכִילָה', בַּיים רֶבִּי'ן אִיז גֶעוֶוען אַ יְסוֹד הַיְסוֹדוֹת שָׁלוֹם בַּיִת.

עֶס זֶעט אוֹיס מֶער גֶעשְׁמַאק וֶוען מֶען רֶעדְט דִי פַּארְקֶערְטֶע שְׁפְּרַאךְ, וָואס מֶען רֶעדְט אִין אַנְדֶערֶע חֲבוּרוֹת, פוּן זַיין אָפְּגֶעשֵׁיידְט פוּן דִי וַוייבּ, זִיךְ אִינְגַאנְצְן אָפְּשֵׁיידְן פוּנֶעם עוֹלָם הַזֶּה, אָבֶער בַּיים רֶבִּי'ן אִיז עֶס פַּארְקֶערְט, פְּרִישׁוּת אִיז עוֹלָם הַזֶּה! אוּן וֶוען אַ מֶענְטְשׁ נֶעמְט אַרַיין דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין זַיין לֶעבְּן אִיז גָארְנִישְׁט עוֹלָם הַזֶּה.

מִיר הָאבְּן הַיינְט גֶעלֶערְנְט אִין תַּלְמוּד יְרוּשַׁלְמִי (בְּרָכוֹת דַּף מא:): "הַנֶּהֱנֶה כְּלוּם מִן הָעוֹלָם מָעַל", אוֹיבּ מֶען הָאט הֲנָאָה פוּן דִי וֶועלְט, וֶוערְט עֶס פַארְרֶעכְנְט וִוי מֶען מוֹעֵל אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען רַייסְט זִיךְ אַוֶועק פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "עַד שֶׁיַּתִּירוּ לוֹ הַמִּצְוֹת", אָבֶער אַז מֶען מַאכְט אַ בְּרָכָה, מֶען דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בְּלַייבְּסְטוּ בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן. זֶעט מֶען פוּן דֶעם, אַז מֶען לֶעבְּט מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען דַאנְקְט אִים אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ, וֶוערְט דִי עֶסְן, טְרִינְקֶען, שְׁלָאפְן, דִי קַאר, דִי וַוייבּ - אֵייבֶּערְשְׁטֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מֶען זָאל גֶעדֶענְקֶען דִי צְוֵויי זַאכְן, דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן נִישְׁט וֵוי טוּן אִינְדֶערְהֵיים, זִיךְ אִיבֶּערְבֶּעטְן, זַיין אַן עָלוּב, אִיךְ וִויל גָארְנִישְׁט - נָאר טוּן דֶעם רְצוֹן הַשֵּׁם, קֶענְסְט מִיךְ פַארְשֶׁעמֶען, קֶענְסְט מִיר זָאגְן וָואס דוּ ווִילְסְט, אִיךְ גֵיי נִישְׁט מַאכְן קַיין מַחֲלוֹקֶת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן, וֶועלְן מִיר הָאבְּן אַ שֵׁיינֶע לֶעבְּן, אָמֵן.

נָאכְדֶעם הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעזִינְגֶען דֶעם נִיגוּן: "**שַׁבָּת קָדְשֵׁנוּ, מַחְמַד עֵינֵינוּ, מֵאִיר עֵינֵינוּ, בִּזְכוּת רַבֵּנוּ. אַשְׁרֵינוּ אַשְׁרֵינוּ, מַה טּוֹב חֶלְקֵנוּ, שֶׁזָּכִינוּ לְהִתְקָרֵב לְרַבֵּנוּ**".


בס"ד

כולל

היכל הקודש

בנשיאות הראש ישיבה שליט"א

לזכות

אסתר מלכה בת סאסא



קוֹל בְּרֶסְלֶב

קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה און נאך

212-444-9191 / 845-351-0910

ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 4383008080

בעלגיע 3235003461 / ארגענטינע 11552354370

קוואל פון חיזוק - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעסעפיס; און נאך

845-351-9060 / 212-444-9169

ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090

חיזוק יומי אימעיל chizikyomi@gmail.com/ טעלעפאן מעסידזשינג 347-630-2876